Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראָשען | היינט 8 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 164 | Łódź, Czwartek, 16 lipca 1931 r. | נײַנטער יאָהרגאַנג | לאָדז, דאָנערשטאָג ב׳ מנחם אב תרצ״א | № 164

Adres Redakcji i Administracji: Łódź- Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאַווער 21, טעל. 224-71

# געוועהלט דעם ציוניסטישען עקזעקוטיוו

## עס זענען אריין: פּאָרבשטיין, אַרלאָזאָראָוו, בערל לאָקער, פּראָפ. בראָדעצקי און פּראָפ. ניימאַן. — קאָנגרעס מאכט אַן אָוואַציע דעם פּראָפ. חיים ווייצמאַן.

# געשלאָסען דעם 17-טען ציוניסטישען קאָנגרעס

באַזעל, 15. (יט״א טעלעגראַפיש).
באַך דער הויפּזיצונג פון דער שלוס-זיצונג פון ציוניסטישען קאָנגרעס, איז, איידער עס זענען פאָרגעקומען די וואַהלען פון דעם עקזעקוטיוו — אין זאַל אַריינגעקומען ד״ר ווייצמאַן, און דער געזעלשאַפט פון די לינקע דעלעגאַטען.

די ערשיינונג פון ד״ר ווייצמאַן אין קאָנגרעס-זאַל האָט אַרויסגערופען אַ שטורמישע אָוואַציע, אין וועלכער די רעוויזיאָניסטען האָבען זיך נישט בעטייליגט.

דאַן זענען פאָרגעקומען די וואַהלען צום עקזעקוטיוו.

פאַר דעם עקזעקוטיוו האָבען געשטימט 130, געגען — 42.

עס זענען געוועהלט געוואָרען פאָרבשטיין, ד״ר אַרלאָזאָראָוו, בערל לאָקער, פּראָפ. בראָדעצקי, און פּראָפעסאָר עמאַנועל ניימאַן (פון אַמעריקא).

דער קאָנגרעס איז געשלאָסען געוואָרען.

## נאָך נישט געוועהלט די נייע ציוניסטישע לייטונג

באַזעל (יט״א טעלעגראַפיש) אין משך פון אַ גאַנצע נאַכט פון דינסטאָג אויף מיטוואָך איז נאָך אַלץ נישט געקומען צו קיין הסכם אין דער פראַגע וועגען דער נייער לייטונג.

די הויפּט-שוועריגקייטען בעשטעהען אין דעם וואָס מען קאָן נישט געפינען קיין פּאַסענדען פּאָליטישען רעפּרעזענט פאַר לאָנדאָן און די לינקע שטעלען אַרויס פאָדערונגען אויף וואָס די מעהרהייט קאָן נישט מסכים זיין.

## זיצונגען פון ראַט פון דער יודישער אַגענץ

### שטורמישע אָוואַציעס פאַר פּראָפ. ווייצמאַן

באַזעל 15 (יט״א טעלעגראַפיש) היינט פאַרמיטאָג און נאָכמיטאָג זענען פאָרגעקומען זיצונגען פון ראַט פון דער יודישער אַגענץ.

עס זענען געהאַלטען געוואָרען רעפּעראַטען וועגען פינאַנציעלע אויפגאַבען.

ד״ר גאָלדשלאַג האָט אין זיין רעדע געלויבט ווייצמאַנען. אין זעלבען מאָמענט איז אריין אין זאַל פּראָפ. ווייצמאַן און די פערזאַמעלטע האָבען איהם געמאַכט א שטורמישע אָוואַציע

## פראַנצויזיש-ענגלישע קאָנפערענץ

פּאַריז, 51. (ספּ. טעל.) הענדערסאָן איז נעכטען געקומען קיין פּאַריז.
היינט קומט סימסאָן.
די געשעפטען ווערען נוגע זיין גלייכצייטיג דער דייטשער קאַטאַסטראָפע או זדי ענטוואָפנונגען.

# די העכערונג פון די הכנסה-שטייער

## די פראַגע וועט בעטראַכט ווערען אויף דער נאָהענטסטער סיים-סעסיע

וואַרשאַ, 15. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). צווישען די פיל מיטלען וואָס ווערט פּראָיעקטירט דורך דער רעגירונג בכדי צו בעהערשען די פינאַנץ-סיטואַציע — בעדאַרף די וויכטיגסטע ראָליע אָפּשפּילען דאָס הויבען פון די מלוכה-הכנסות, דורכ׳ן הכנסה-שטייער.

מיט דעם דאָזיגען פּראָיעקט זענען אַרויסגעטראָטען די בעאַמטען-אָרגאַניזאַציעס, נאָכ׳ן מקצר זיין דעם הויפּט-שטאַטישען און קרעסען-צושלאָג.

די רעגירונג בעציהט זיך פּאָזיטיוו צו דער דאָזיגער פּראָפּאָזיציע.

עס איז שוין פערטיג אַן׳ענטשפּרעכענדער געזעץ-פּראָיעקט דורך וועלכען עס ווערען געהעכערט די סכומים פון פערזענליכען הכנסה-שטייער.

דער געזעץ-פּראָיעקט זעהט פאָר אַ ווייטגעהענדע פּראָגרעסיע פונ׳ם שטייער:

אַן׳עהנליכע רעזאָלוציע האָט אויך אָנגענומען די אַרבייטס-גרופּע פון די בעבע-דעפּוטאַטען, פאַר שטעלענדיג זי צום בלאָק-פּרעזידיום אַלס אַ פּאָסטולאַט צו דער רעגירונג מיט דער בקשה וועגען צונויפרופען אַן׳אויסעראָרדענטליכע סיים-סעסיע, כדי צו אָננעהמען דאָס געזעץ.

נאָך לאַנגע שווערע ליידען איז דעם 15-טען יולי 1931 געשטאָרבען אין עלטער פון 52 יאָהר

נ״ע

# רוזשא פּערעלמאַן

## (געבוירענע סעגאַל)

די לוי׳ קומט פאָר היינט, דאָנערשטאָג, דעם 16-טען יולי ד. י. 3,30 נאָכמ. פון טרויער-הויז שרודמיעסקאַ 46 (נאָווא-צעגעלנ. 12)
וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרוים צער

## די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע

מאַן, טעכטער, איידים, איינ׳קעל און פאַמיליע

מ׳בעט נישט בעלעגען קיין קאָנדאָלענץ-וויזיטען.

אונזער חשובן פרעזעס ה׳ **אַראָלה פּערעלמאַן** צוליב׳ן טויט פון זיין פרוי

# נ״ע רוזשא (געב. סעגאַל)

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.

די פערוואַלטונג
פון דער לאָדזער געזעלשאַפט צו העלפען אָרימע קראַנקע און וועכנערינס
„לינת החולים"

3928

